## דערצייל / משה־לייב האַלפּערן

קום זײַ מיר אַ מאַמע. דערציילט האָט מײַן מאַמע
אַ מעשׂהלע פֿון אַ פּאַפּירענער בריק —
דערצייל עס מיר אויך און דערצייל פֿון די פֿייגל,
וואָס קומען אין זומער־צײַט ווידער צוריק.

פֿאַרטרײַב פֿון מײַן בעט די חלומות די וויסטע,
וואָס קומען צו מיר אַלע נאַכט, אַלע נאַכט.
דערצייל פֿון מלאכים, וואָס זענען געקומען
און האָבן מיר גאָלדענע שטערן געבראַכט.

און קלינגט מען אין קלויסטער — פֿאַרהאַלט מיר די אויערן,
פֿאַרהאַלט זיי, און זאָג, אַז דער שטאָט־זייגער קלינגט.
און וויינט אין די לאָדן דער ווינט, זאָלסטו זאָגן —
עס זיצט בײַ אַ ספֿר דער טאַטע און זינגט...

דערצייל, אַז ס'איז וואַרעמער זומער אין דרויסן,
און זינגענדיק גייען די גויים פֿון פֿעלד.
דערצייל — אפֿשר וועט דאָס מײַן קומער פֿאַרשטילן
און ליכטיקער, ליכטיקער מאַכן מײַן וועלט.

ניו־יאָרק, 1919
(פֿון *אין ניו־יאָרק*)

## סַפְּרִי / משה־לייב הלפֶּרן

עברית: ישׂראלה בקר

הֲיִי לִי לְאִמָּא. סִפְּרָה אֵי־אָז אִמָּא
עַל גֶּשֶׁר נְיָר סִפּוּרֵי־אַגָּדוֹת —
סַפְּרִי לִי אוֹתָם, וְסַפְּרִי שֶׁכָּל קַיִץ
שָׁבוֹת מִמֶּרְחָק צִפּוֹרֵי הַנְּדוֹד.

גָּרְשִׁי חֲלוֹמוֹת עֲצוּבִים שֶׁכָּל לַיְלָה,
כָּל לַיְלָה בָּאִים, אֶת עַרְשִׂי סוֹבְבִים.
סַפְּרִי עַל אוֹדוֹת מַלְאָכִים אֲשֶׁר בָּאוּ
וְשַׁי לִי הֵבִיאוּ — זְהַב־כּוֹכָבִים.

צִלְצוּל כְּנֵסִיָּה — אֶת אָזְנַי חִישׁ כַּסִּי נָא,
כַּסִּי וְאִמְרִי: שְׁעוֹן הָעִיר מְצַלְצֵל.
וְאִם בַּתְּרִיסִים מְיַלֵּל לוֹ הָרוּחַ,
אִמְרִי לִי שֶׁאַבָּא בְּקוֹל מִתְפַּלֵּל...

סַפְּרִי שֶׁבַּחוּץ קַיִץ חַם, וּבְזֶמֶר
שָׁבִים הַגּוֹיִים מִשָּׂדֶה גְּדוּשׁ־תְּבוּאָה.
סַפְּרִי — וְאוּלַי זֶה יַשְׁקִיט אֶת הָעֶצֶב,
וְאֶת עוֹלָמִי יַהֲפֹךְ לְמוּאָר.

תל־אביב, יולי 2025